בנוגע צו דעם ענין אין פרקי אבות:

אין פ"ה מ"ב זאגט די משנה "עשרה דורות מאדם ועד נח כו׳" "עשרה דורות מנח ועד אברהם להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסים ובאין עד שבא אברהם וקבל שכר כולם".

איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

א) ווי איז שייך זאגן "קבל שכר כולם"? וואס פאר א שכר האבן זיי – זיי זיינען דאך "מכעיסין ובאין"?

ב) אויב מ׳וועט זאגן אז ס׳איז יע שייך שכר ווארום זיי האבן בחירה, (אינו ברור), דארף מען אויך פארשטיין: פארוואס שטייט נאר ביי אברהם אז "קבל שכר כולם", משא"כ בא נח זאגט מען דאס ניט?

מפרשים זיינען מסביר אז דאס איז ווייל נח האט ניט געהאט א

שייכות מיט זיין דור אויף זיי מקרב זיין, דערפאר האט ער ניט באקומען שכר כולם; משא"כ אברהם, "ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם" - ער האט מפרסם געווען אלקות אין וועלט, איז "קבל שכר כולם".

ס'איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז ס'קומט זיי שכר, איז וואו איז אוועק דער שכר פון די עשרה דורות שמאדם ועד נח? ס'מוז דאך זיין אימיצער וואס זאל קריגן דעם שכר און באזעצן דעם אדם אין ג"ע, ווארום ג"ע איז דאך "לעבדה ולשמרה", קען מען אים ניט לאזן ליידיג, איז בנוגע צום ג"ע פון די עשרה דורות מנח ועד אברהם, זאגט מען אז אברהם האט דאס גענומען, וואס איז אבער געווארן מיטן ג"ע פון די דורות שמאדם עד נח?

ג) וואס איז די הוראה "להודיע כמה ארך אפים לפניו"? דאס וואס די משנה זאגט "בעשרה מאמרות נבה"ע וכו'", איז פארשטאנדיק די הוראה דערפון מ'זאל וויסן דעם גודל הענין פון מקיים זיין תומ"צ, און דער היפך דערפון, אבער וואס איז די הוראה פון "להודיע כמה ארך אפים לפניו"?

ד) וואס איז דא די משנה מחדש מיט "כמה ארך אפים לפניו", אויף דעם דארף מען ניט אנקומען צו די "עשרה דורות כו'" ס'שטייט דאך בפירוש אז דער אויבערשטער איז "ארך אפים" און ווי רש"י זאגט דארטן אז אפים איז - לצדיקים ולרשעים?

ה) וואס דארף מען ברענגען א ראי' אז ס'איז אזוי - פון די עשרה דורות, מ'קען דאך ברענגען א ראי' פון אידן אליין - פון חטא העגל, אז דער אויבערשטער האט געזאגט "סלחתי כדברך", נאר "ביום פקדי ופקדתי", וואס דערפון זעהט מען אז ער איז א מאריך אף, און דערנאך איז "גבי דילי'", איז וואס דארף מען ברענגען א ראי' פון די עשרה דורות?

ו) בנוגע צום סדר אין דער משנה (וואס אין איין פרק איז דאך זיכער יש סדר למשנה) דארף מען אויך פארשטיין:

וואס איז דער קשר פון די משנה "עשרה דורות וכו'" צו די ערשטע משנה "בעש"מ נבה"ע"?

לכאו' דארף דער סדר זיין אז נאך די משנה פון "בעשרה מאמרות" דארף קומען די משנה פון "עשרה דברים שנבראו ביה"ש", ווארום דער לעצטער מאמר פון די עשרה מאמרות איז דאך נעשה אדם, וואס דאס איז געווען ביום השישי, און גלייך נאך דעם קומט בין השמשות של ערב שבת, איז פארוואס זאגט ער פריער וואס ס'האט זיך געטאן עשרה דורות נאך דערויף, און נאך עשרה דורות?

אוצר החכמה

הביאור בפרקי אבות:

דער ענין פון פרקי אבות איז דאך מילי דחסידותא, איז מען דארט מבאר דעם ענין פון "בעשרה מאמרות נברא העולם", בכדי צו מוסיף זיין חיות והידוד אין לימוד התורה וקיום המצוות – אין די דריי עמודים שעליהם העולם עומד.

וואס אין דערויף זיינען דאביידע ענינים: ליתן שכר טוב לצדיקים – עשה טוב; און ליפרע מן הרשעים – סור מרע.

דערנאך איז די משנה ממשיך אז אין די עבודה איז דא צוויי אופנים

ס'איז דא ענינים וואס מ'דארף זיי אינגאנצן מבטל זיין אין אן אופן פון שבירה וביטול מציאותם, "והשבתי חי' רעה – משביתן מן העולם"; און ס'איז דא ענינים וואס מ'דארף אין זיי אויפטאן דעם ענין פון אתהפכא – "משביתן שלא יזיקו".

וואס ס'איז דא אן אופן ווי מ'געפינט בא פרה אדומה, אז ס'דארף זיין אן ענין של שריפה – ביטול המציאות, און ס'זאל בלייבן מער ניט ווי דער אפר. און ס'איז פאראן נאך אן אופן ווי די גמ' זאגט (מנחות מב, א) מצעוה שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר.

וואס אויך די ביידע ענינים איז מרמז די משנה:

דער אופן הא׳ – אינגאנצן מבטל זיין די מציאות – דאס איז די "עשרה דורות מאדם ועד נח" וואס זיי האט מען אינגאנצן מבטל געווען "הביא עליהם את מי המבול", און דער אופן הב׳ – אתהפכא – דאס איז די "עשרה דורות מנח ועד אברהם", וואס דארטן איז געווען "בא אברהם וקבל שכר כולם".

[ וואס וויבאלד אז מ׳זאגט "לפיכך נברא האדם יחידי וכו׳ וכל המקיים נפש אחת מישראל וכו׳ כאילו קיים עולם מלא" (סנהדרין לז, א) – אז אן איד איז אן עולם מלא, איז דאך פארשטאנדיק אז אלע ענינים וואס איז דא אין עולם זיינען א הוראה בעבודת האדם, עד"ז דארף זיין א הוראה פון די עשרה דורות שמאדם ועד נח, און א הוראה פון די עשרה דורות שמנח ועד אברהם. ]

בשעת בא א מענטשן קענען דורך גיין צען טעג – צען שורות (וכמדובר כמ"פ אז מספר עשרה איז כולל אין זיך אלע ענינים) אויף ענינים בלתי רצויים, קען ער דאך מיינען אז דאס קען אזוי בלייבן און "והתברך בלבבו לאמר שלום יהי׳ לי כי בשרירות לבי אלך למען ספות הרוה את הצמאה", איז אויף דערויף זאגט מען אים אז דאס איז נאר דער-פאר וואס דער אויבערשטער איז אן ארך אפים ווי ער איז מבאר אין קו׳ ומעין (ע׳ 81).

דארף ער טאן זיין עבודה אין די ענינים וואס מ׳דארף זיי אינגאנצן מבטל זיין אין אן אופן פון הביא עליהם את מי המבול כו׳, אז העברתן זוהי תקנתן.

אבער דאס איז נאך אלץ ניט גענוג, ווארום ס׳איז דורכגעגאנגען גאנצע צעהן טעג אויף ענינים של היפך, פעלט דאך אים אין ענינים טובים וואס ער האט געקאנט דעמולט טאן, און ס׳איז דאך "ימים יוצרו גו׳", ער איז דאך מוגבל אין זמן, און יעדער טאג איז טייער כו׳. איז דערנאך דארף זיין די צווייטע עבודה, און אויף דעם איז די הוראה פון אברהם אבינו, אז ס׳דארף זיין "ונטל שכר כולם" – אתהפכא – וכמבואר באגה"ת (פ"ט) אז "הי׳ רגיל לקרות דף אחד יקרא ב׳ דפים, לשנות פרק אחד ישנה שני פרקים" וואס בפשטות איז דאס אויף משלים זיין דאס וואס ער האט פארפעלט אין די טעג של היפך – "ונטל שכר כולם".